מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **ראה - שופטים** תשפ"ה ◆ עלון מס': **170**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### בעסער ווי דעם - קען נישט זיין!

עס איז זייער גרינג צו זיצן אין שטוב און רעדן וועגן אן ערדציטערניש וואס קומט פאר אין די צווייטע עק וועלט, און זאגן אז אלעס וואס הקב"ה טוט איז 'לטובה' אפילו אז מיר פארשטייען נישט פארוואס עס איז אזוי.

אויף יענעמ'ס אמונה ארבעט זיך גרינגער, אבער ווען עס קומט אריין צו מיר אין שטוב - ווען עס איז נוגע מיין אייגענער בטחון טוישט זיך דער בילד.

דאס איז שוין אן עבודה, מען דארף הארעווען עס משיג צו זיין.

ווען דער רבי אין חובת הלבבות אין שער הבטחון אין דער זיבעטער פרק רעדט ארום וועלכע דרגה איז די העסטע דרגה אין בטחון, משל'ט ער אויס אז די העכסטע דרגה אין בטחון איז דער איד וואס שטייט אויף צופרי און וויל נישט עפעס אנדערש - נאר וואס ער האט יעצט פאר זיך.

דער לשון וואס דער רבי נוצט דארט איז די פאלגענדע ווערטער: **לא השכמתי מעולם בענין, והתאוותי לזולתו** - איך וויל נישט עפעס אנדערש - עס איז מיר גוט אזוי ווי עס איז - איך דארף נישט אז עס זאל זיך טוישן.

עס איז א גרויסע דרגה. אז מען זאל קענען אנקומען צו איר דארף מען הארעווען אויף די מידה, אבער אין די זעלבע צייט דארף מען אויך פארשטיין אז אויב דאס איז די דרגה וואס א איד דארף אנקומען - ווי קומט דא אריין דער נושא פון תפילה?

די שמונה עשרה וואס די הייליגע כנסת הגדולה האבן אוועקגעשטעלט, איז פול מיט בקשות.

די בקשות זאגן איין זאך - עס בעט אז זאכן זאלן זיך טוישן, אז מען זאל ווערן קלוגער, אז מען זאל האבן וואס צו עסן - אויב איז די עבודה פון א איד ער זאל מקבל זיין אלעס און עס אננעמען ווי עס איז - איז עס אויבנאויף א סתירה צו תפילה.

דער טאטע פון דער שלה"ק, רבי אברהם הלוי הורוויץ זי"ע, שרייבט אין זיין ספר "יש נוחלין", אז ווער עס איז זיך מתנגד צו יסורים ליידט דאפלט.

נישט נאר האט ער די יסורים, נאר צו די יסורים קומט אויך צו די שווערigkeit פון טראכטן א גאנצער צייט אז ער וואלט געקענט פארמיידן די יעצטיגע מצב.

די ספרי קודש פרעגן שוין די דערמאנטע קשיא, אז 'בטחון' איז א סתירה צו 'תפילה', און דער הסבר וואס זיי געבן איז זייער פשוט. דער חילוק איז אין דער 'הוה' און אין דער 'עתיד'.

ווען עס רעדט זיך פון דער 'הוה' - פון די מינוט אין וואס מיר געפינען זיך דארף א איד זאגן אז בעסער ווי דעם קען נישט זיין, און גלייבן אז אלעס איז ווי עס דארף צו זיין, אבער ווען מען רעדט לגבי דער עתיד - לגבי וואס עס גייט זיין, דארף מען מתפלל זיין אז עס זאל זיין גוט.

ווען א איד גלייבט אז אזוי האט געדארפט זיין און אז אנדערש וואלט נישט געווען בעסער און עס קען נישט זיין אנדערש, ווערט די צרה לייכטער אויפ'ן הארץ.

די גמרא אין ביצה [דף לב ע"ב] זאגט אז דריי מענטשן האבן נישט קיין לעבן און איינער פון זיי איז איינער וואס די יסורים זענען מושל אויף זיין גוף, און ווי עס איז דער לשון הגמרא איז 'מושלים בגופו'.

מען רעדט פון אזא סארט מענטש וואס א גאנצער צייט טראכט ער - פארוואס האט דאס פאסירט צו מיר? פארוואס האב איך זיך נישט געקענט אכטונג געבן? אזא מענטש האט חיי צער, אבער ווען א איד איז משלים און פריידט זיך מיט זיין מצב ווערט אלעס גרינגער אויפ'ן הארץ.

א איד שטייט אויף צופרי און ער זעט אז ער האט נישט קיין געלט - די באנק קאונטע איז ליידיג, און ער ווייסט אז עס קומט א יום טוב און די טאש איז ליידיג און ער דארף טון וואס ער האט צו טון, אבער ער טוט עס מיט שמחה - ווייסנדיג אז דאס איז גוט - אז אזוי דארף צו זיין - האט ער דערגרייכט די דרגה.

די דרגה איז פאר אים זעלבסט, אבער ווען עס רעדט זיך פון די משפחה דארף מען זען וואס דער רבי שרייבט אין חלק שלישי אין פרק ד'.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו דערגרייכן הויכע מדריגות אין בטחון און צוקומען צו זיין דבוק אין הקב"ה אין יעדן מצב.

(ארויסגענומען פון שיעור 312 אין שער הבטחון)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער כח פון איין ווארט!

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך באגעגענט א חשובער איד אין ירושלים עיה"ק.

דער איד, א גרויסער תלמיד חכם, א גאון בתורה, רופט מיר צו, ער וויל מיר עפעס זאגן.

מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען די קומענדיגע גוט ווארט וועט קומען צוגיין. אז אזא חשובער איד רופט מיר בין איך צוגעגאנגען צו דעם איד, דער איד הייבט אן צו רעדן צו מיר.

"מענטשן מיינען אז אויב מען וויל טוישן דאס לעבן פון איינעם - דארף מען רעדן מיט יענעם אסאך. דאס איז א טעות! אסאך מאל פעלט זיך אויס איין ווארט, מיט איין ווארט קען מען מאכן א טויש".

איך האב זיך געוואונדערט וואס מיינט ער צו זאגן מיט דעם - ער לאזט מיר נישט ווארטן - ער ציט ארויס פון זיין טאש א שטיקל אפגעריבענער פאפיר און צייגט מיר עס.

"די פאר שורות פון דעם הייליגער גר"א מווילנא זי"ע האבן געטוישט מיין לעבן אויף אייביג".

איך האב איבערגענומען דער שטיקל פאפיר, עס איז פון ספר אבן שלמה וואס דער גר"א האט געשריבן, דער שטיקל געפינט זיך אין פרק ג' אות ב'.

עס ליינט זיך ווי פאלגענד:

"כל העבירות והחטאים באים מחמדה, כמו כשכתבתי. כי "לא תחמוד" **כולל כל הדברות וכל התורה. וההסתפקות שהוא ההיפוך, הוא יסוד של כל התורה, והוא אמונה שלימה, שלא לדאוג דאגת מחר. ומי שלבו טוב במידת הבטחון, אף על פי שעובר עבירות חמורות, הוא יותר טוב ממי שמחוסר בטחון, שעל ידי זה בא לידי קנאה ושנאה, אף על פי שעוסק בתורה ובגמילות חסדים, שכל זה אינו אלא לעשות לו שם".**

אין די קורצע שורות שטעלט דער הייליגער גר"א אוועק די גאנצע תורה על רגל אחת. די שורש פון אלע מידות רעות איז ווייניג אמונה, ווייניג בטחון, וועלכע ברענגט צו 'חמדה' און צו 'קנאה ושנאה'.

"לאמיר דיר ערקלערן ווי אזוי דער שטיקל האט געטוישט מיין לעבן", שילדערט ער ווייטער.

"יאר יערליך ווען עס פלעגט קומען צוגיין חודש אלול פלעג איך מאכן א חשבון הנפש איבער די עבירה פון 'ביטול תורה'. איך האב געהאלטן פאר מיינע אויגן די געשיכטע פון דער חפץ חיים ווי אזוי ער האט יעדער סוף יאר געמאכט א חשבון הנפש וויפיל מינוט אין די יאר ער האט מבטל תורה געווען, און כ'פלעג זיך אויך פירן צו מאכן חשבונות איבער ביטול התורה, אויף מיין דרגה. אבער פון ווען איך האב געזען דער שטיקל, זענען מיינע חשבונות אנדערע.

איך האב אנגעהויבן פארשטיין אז כ'האב נאך וואו צוגיין, אז איך דארף נאך מתקן זיין זאכן אין מיין יסוד, און איך הייב אן דער חשבון הנפש דארט.

איך שטיי און וואונדער זיך פארוואס דער איד דערציילט מיר די זאכן. איך זעה אים אסאך העכער ווי מיר, זיינע השגות און זיינע שאיפות זענען העכער ווי מיר, איך בין בכלל נישט אויף די דרגה, אבער איך האב געמוזט מודה זיין אז אויך איך האב געהאט א התעוררות רעדנדיג מיט דעם איד.

דער יסוד פון די גאנצע תורה, פון יעדע התעלות איז אמונה. אז מען גלייבט אז אלעס פירט זיך בהשגחה פרטית - קומט מען אן און מען שטייגט מעלה מעלה.

אזוי ווי דער נביא האט געזאגט, בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די 'עלינו' האט אים מציל געווען

מיט געהויבענע געמיטער האבן זיך די אינגעלעך אין די כיתה פון מיין משה'לע זיך געגרייט יענער צופרי צו גיין אין חדר.

נאך פון וואכן פריער האט דער מנהל געלאזט וויסן אז היינט וועט זיך די כיתה ארויסלאזן אויף א שפאציר אויף די 'גלבוע בערג'.

עס איז א שפאציר פון דריי שעה. מען גייט אויף געדרייטע פעלזן, די פאנאראמע איז זייער שיין, אבער די וועגן זענען אויך זייער געדרייט און מען דארף זיך קענען האלטן באלאנסירט אויפ'ן וועג.

אויך משה'לע איז געווען זייער געגרייט צו גיין דעם שפאציר. יענער צופרי איז ער אויפגעשטאנען פריער פון נארמאל און זיך געגרייט צו גיין אין חדר.

די קינדער דארפן קומען געדאווענט אין שול, און משה'לע איז אריבער דאווענען שחרית אין די לאקאלע שול. וועלנדיג זיין פרי אין חדר האט ער זיך אביסל געיאגט און ווען מען האט שוין געהאלטן ביים ענדע דאווענען האט ער געוואלט ארויסלויפן פון שול, אבער דאן האט ער זיך בארעכנט אז ער האלט נאך פאר 'עלינו לשבח'.

אין די לעצטע שטיק צייט האט ער געהאט געהערט רעדן איבער די גרויסקייט פון 'עלינו לשבח' און באשלאסן אז היינט גייט ער עס זאגן במתינות, ווארט ביי ווארט.

מיט מתינות, מיט כוונה, מילה במילה, האט ער געזאגט דער 'עלינו לשבח', און נאך דעם איז ער אריבער אין חדר.

מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. די פאנאראמעס זענען שיין, אבער מען דארף אויך זיין פארזיכטיג ווייל מיט איין קליינע דריי קען מען זיך פארדרייען חלילה. אזוי גייענדיג האט ער פארלוירן באלאנס און זיך אנגעהויבן אראפקייקלען אויף אראפ.

זיינע חברים האבן אנגעהויבן ליארמען קולות, אבער מען האט גארנישט געקענט טון. מען האט נאר געקענט דאווענען אז ער זאל עס איבערלעבן.

נאך א שטיק צייט זיך קייקלען האט ער געטראפן א צווייגל פון בוים וואס האט אים אפגעהאלטן פון זיך דערקייקלען ווייטער. ער איז געבליבן שטיין דארט און זיך נישט ווייטער גערוקט. ער האט עס איבערגעלעבט, אבער זיינע חברים האבן אים נישט געקענט זען.

זיי האבן מורא געהאט אז עס האט אים באטראפן דאס ערגסטע.

גלייך זענען זיי געגאנגען אלאמירן די אינסטאנצן. עס האט געדויערט מער ווי א שעה ביז ווען זיי זענען געקומען צוגיין. עס איז געווען הייסע אבער זיין רוקזאק איז געווען מיט אים, ער האט געהאט וואס צו טרינקען און וואס צו עסן.

נאך צוויי שעה האבן זיי אים אנטדעקט. ער איז געווען גאנץ און שטארק ביי זיך, אז די עקספערטן האבן אים ערלויבט ווייטערצוגיין מיט זיינע פריינט.

אפילו זיינע אויגן-גלעזער איז געבליבן גאנץ, נאך דעם וואס עס

## דאווענען בציבור - די בעסטע געשעפט וואס איך האב געמאכט!

איך הייב אן מיין מעשה מיט א שטיקל ווידוי אויף דער עבר.

עס האט זיך אזוי געפירט אז די ארבעט וואס איך האב, פאדערט א שווערע הארעוואניע. עס איז נישט א פיזישע ארבעט, אבער עס פאדערט אז א גאנצן טאג, פון צופרי ביז ביינאכט, זאל איך מוזן רעדן מיט מענטשן און זיין ביזי אויפ'ן טעלעפאן אדער מיט פערזענליכע באגעגענישן מיט אידן.

לײדער, איך שעם זיך צו זאגן, אז זייענדיג אזוי פארנומען, האב איך ליידער זייער שטארק מזלזל געווען אין 'תפילה בציבור'.

עס האט זיך אנגעהויבן פון איינצעלנע פעלער, און עס איז געווארן מער און מער ביז ווען איך האב געזען די שול נאר איינמאל א וואך - שבת קודש.

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך אויך געמאכט א גרויסע געשעפט. איך האב אפגעקויפט א גרויסע געביידע מיט אפיסעס. איך האב נישט געהאט קיין אייגענע פארמעגן צו קויפן די געביידע, אבער דער חשבון איז געווען זייער פשוט. איך האב גענומען א הלוואה פון די באנק אויף פראצענטן, אבער מיין חשבון איז געווען אז פון די רענט וועל איך קענען דעקן סיי די הלוואה און סיי בלייבן מיט זייטיגע פארדינסטן אין די זייט.

איך האב געשלאסן דער מקח. עס האט אויסגעזען א גאלדענע געשעפט, איך בין געווען זיכער אז איך האב געמאכט דער דיל פון מיין לעבן, אבער נאכ'ן שליסן דער דיל האט זיך אנגעהויבן די צרות.

אין זייט פון דער דיל האט פיין געארבעט. יעדער חודש איז אראפ די מארגעדזש געלט, אבער די אפיסעס זענען געשטאנען ווײסט און פוסט, קיין איינער האט זיי נישט געדארפט.

איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאָר, וואו זענען אלע מענטשן וואס זוכן אפיסעס? פלוצלונג דארף שוין קיין איינער נישט קיין אפיס.

איך האב מתפלל געווען צום בורא כל העולמים, אבער די ישועה איז נאכנישט געקומען צוגיין.

אין יענע טעג האב איך באגעגנט אן אלטער חבר. דער חבר, מיינער א באקאנטער, זעענדיג אויף מיר אז איך בין צוטראגן, האט געוואלט הערן וואס איז געשען. איך האב אים דערציילט דער סוד.

צו מיין וואונדער האט ער פאר מיר א הצעה.

"דער הייליגער מאור ושמש רעדט צו דיר. ער זאגט צו אז ווער עס וועט דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין, בציבור, וועט האבן פרנסה בריווח".

דער חבר האט גוט געוואוסט אויף וועלכער קנעפל ער דרוקט, איך האב געטראכט פון דעם אבער איבערגייענדיג מיין סדר היום האב איך געזען אז עס איז ממש אן אוממעגליכע זאך, איך בין ווייטער געגאנגען מיט מיין לעבן.

די אפיסעס זענען געשטאנען ליידיג, איך האב געדאווענט ביחידות, איך האב נישט געזען קיין מעגליכקייט ארויסצוגיין פון איר.

אין א טאג טרעף איך אן דער זעלבער חבר, און ער רעדט צו מיר.

"נאך אביסל פאלט אויס די יארצייט פון דער הייליגער מאור ושמש, אפשר כאפסטו זיך אריבער מיט מיר קיין קראקא, בעט זיך אויס, נעם זיך פאָר און וועסט זען ישועות".

איך האב זיך געלאזט איבררעדן. איך בין געפארן מיט אים. אנקומענדיג צום ציון הק' האב איך געשפירט ווי דער צדיק רעדט צו מיר, ער מאָנט פון מיר, מיין הארץ האט זיך געעפענט, איך האב זיך פארגענומען אויפ'ן ארט אז מה שהיה היה, וואס איז געווען איז געווען, און פון היינט און ווייטער גיי איך זיך טוישן.

עס הערט זיך אומגלויבליך, אבער ארויסגייענדיג פון ציון הק' האט מיין טעלעפאן געקלינגען.

אויפ'ן צווייטן זייט טרייבל איז געווען א פאָרשטייער פון א גרויסע פירמע אין ארץ ישראל. זיי האבן געזוכט צו ארויסדינגען א גאנצע געביידע פון אפיסעס.

עס איז געווען דער בעסטער דיל וואס איך האב אמאל געמאכט.

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מיט עטליכע וואכן צוריק בין איך אריבער א שווערע שוועריגקייט. די קלימאקס פון די שוועריגקייט איז געווען שבת קודש. עס איז עפעס וואס איך קען נישט אויסשמועסן ברבים. ווען דער שבת איז פארביי בין איך געווען מורא'דיג צובראכן. איך האב נישט געטראפן קיין טרייסט אין קיין שום ארט, אבער דאן האב איך באשלאסן אז איך גיי אריינרופן אין די האטליניע פון 'השגחה פרטית'. עס האט זיך אויפגעמישט ביי די שיעור פון ר' דוד קלעצקין שליט"א. איך האב אויסגעהערט די שיעור און עס איז מיר גלייך גרינגער געווארן אויפ'ן הארץ. עס איז געווען ביי מיר ווי א בארואיגונגס טאבלעט. איך דאנק אייך פון טיפן הארץ, איר האט מיר ממש אויפגעלעבט אין יענער מינוט.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

פאר א לענגערע תקופה האב איך נישט געהאט קיין פרנסה. די ענגשאפט אין וואס איך האב געלעבט איז געווען זייער גרויס. איך האב געזוכט ארבעט, אבער אן ערפאלג. אין יענער צייט האב איך אויספראבירט עטליכע סגולות און איך האב אייביג גע'חלומ'ט אז איך וויל נוצן די סגולה פון געבן געלט פאר די הפצה פון 'אמונה ובטחון'. איין טאג האט מען מיר אריינגעקלינגען פון דער מכון פרעגנדיג צי איך וויל תורם זיין פאר זיי. איך האב זיך גלייך אונטערגענומען א שיינע סומע און תורם געווען פאר איר. נאך יענער טאג האב איך באקומען א טעלעפאן רוף פון אן ארבעטסגעבער. ער האט פאר מיר א שיינע און א מכובד'דיגע ארבעט. ער האט מיר גערופן פאר א דזשאב אינטערוויו. איך בין געגאנגען און מען האט מיר גלייך אנגענומען צו די ארבעט. ברוך ה' אז פון דעמאלטס האב איך שיין פרנסה און איך בין זיך מתפרנס בכבוד רב.

# א הימלישע נתינה

עס איז געווען אין די טעג ווען מיין שווער האט זיך געגרייט חתונה צו מאכן איינער פון זיינע קינדער, ווען מיר - די איידעמער - האבן זיך צוזאמענגעזעצט אויף א געהיימע אסיפה.

וויסנדיג אז דער מצב ביי מיין שווער אין שטוב איז אומדערטרעגליך, האט איינער פון מיינע שוואגערס געוואלט אז יעדער פון אונז זאל זיך אונטערנעמען פאר זיינעטוועגן א שיינער סומע.

קומענדיג מיט א צעטיל און א פאפיר האט ער געמאכט אלע חשבונות, און עס איז אויסגעקומען אז יעדער מוז אריינברענגען די סומע פון 36 טויזנט שקל.

די אסיפה האט זיך געשלאסן. יעדער האט גענומען זיין טייל און אנגעהויבן טון וואס ער האט צוטון. עס האט זיך אנגעהויבן א געלט קראצעריי און רוב האבן צוזאמענגעשטעלט די סומע.

איינער האט געשלעפט געלט פון זיין נאנטער, דער צווייטער פון א צווייטן, נאר איך האב נישט געהאט קיין אנונג פון וואו כ'וועל צוזאמענקראצן אזא סומע.

איך וואוין אין די שטאט 'הר יונה' און קיין רייכע באקאנטע האב איך נישט, און איך בין געווען הילפלאז. אזוי טראכטנדיג ווי אזוי מען גייט עס מאכן, איז אויפגעקומען א געדאנק אז איך זאל ארויספארן קיין אויסלאנד.

"איך וועל זיין דארט 2 וואכן און אויפטרייבן די סומעס", האב איך געטראכט צו מיר.

איך האב באשטעלט א טיקעט, מיין ווייב האט מיר שטארק צוגעשטופט צו דעם, אבער אין הימל האט מען אנדערש געוואלט.

ביני לביני האט אויסגעבראכן די קריג מיט איראן, און איך האב זיך געטראפן געשטראנדעט אין ארץ ישראל אן די מעגליכקייט ארויסצופארן אהין.

זייענדיג פארצווייפלט האב איך זיך פארלאזט אויף הקב"ה, און זוכנדיג א שטיקל מהלך האב איך זיך ארויסגעלאזט פון מיין היימשטאט הר יונה צו אנדערע שטעט נאך געלט. איך בין ארויס קיין ביתר, איך בין אנגעקומען אהין און איך האב געוואלט אנהייבן גיין נאך געלט אין די שול.

דער סדר העולם איז אז מען הענגט צעטלעך און מען האלט דרשות און אזוי מאכט מען גרינגער געלט און אויך מער געלט, אבער צו מיין מזל האב איך זיך אנגעטראפן אין א שול וואו עס איז שוין געווען פארנומען דורך אן אנדערע צוועק.

"גיי אין אן אנדערע שול", האט מיר א איד געזאגט און אנגעוויזן דער וועג.

אויך דארט איז שוין געווען א געלטגייער. איך האב געוואלט זיך איינטיילן מיט אים און אים געבן דין קדימה, אבער דער איד האט בשום אופן נישט געוואלט זאגנדיג אז עס שטערט אים.

קיין אנדערע ברירה האב איך נישט געהאט, איך האב אנגעהויבן גיין מיט די הענט, צוזאמענעמענדיג א פרוטה נאך א פרוטה.

איך בין געווען זייער צוקלאפט שפירנדיג ווי עס גייט מיר נישט.

דארט אין שול איז געווען א איד וואס האט צוזעענדיג מיין מצב זיך דערנענטערט צו מיר און מיר מקרב געווען.

"דא קעגנאיבער איז דא א הכנסת אורחים, ערשט עס עפעס און נאך דעם וועסטו זען וואס מען טוט ווייטער".

איך האב אים געפאלגט. איך האב געגעסן פרישטאג און געבענטשט ערליך.

דער איד רופט מיר צו און פרעגט מיר איבער דער צוועק פארוואס איך גיי נאך געלט. איך האב אים דערציילט אז כ'גיי פאר מיין שווער.

ער האט גענומען מיין נומער און עס אפגעשריבן און מיר פארשפראכן אז ער גייט מיר קלינגען. איך האב שוין כמעט פארגעסן פון אים.

ביני לביני האב איך אנגעהויבן ארבעטן אין אן אנדערן ריכטונג טראכטנדיג ווי אזוי איך קען צוזאמענשטעלן געלט. איך האב אנגעהויבן ארומקלינגען צו נאנטע און אויפגעטריבן די סומע פון 13 טויזנט שקל.

עס איז געווען א לייטישע סומע אבער זייער ווייט פון וואס איך האב זיך אונטערגענומען.

איין טאג, קלינגט מיין טעלעפאן, אויפ'ן טרייבל רעדט דער איד פון 'ביתר'.

"איך קום היינט נאכט קיין הר יונה, איך וויל עפעס ברענגען פאר דיר". זאגט דער איד.

איך האב זיך געוואונדערט וואס ער גייט ברענגען און וויפיל עס גייט זיין.

נאר ווען ער איז אנגעקומען און געזען די סומעס האב געשטוינט פון די סומעס. דער איד האט געברענגט די סומע פון זיבן טויזנט דאלער.

ווען איך האב אויסגערעכנט די סומע האט עס געשטימט, עס איז געווען אין איר, ממש ווי עס האט מיר געפעלט.

איך האב געזען אז הקב"ה פארלאזט נישט קיין שום איד אין קיין שום פאל.

האט אריינגעכאפט אין דערנער.

די עקספערטן האבן זיי געגעבן רשות ממשיך צו זיין מיט'ן שפאציר, אבער אנשטאט ווייטערצוגיין די שפאציר האבן זיך די חברים ארויסגעלאזט אין א ריקוד דאנקענדיג דעם רבוש"ע אז עס האט גארנישט פאסירט מיט זייער חבר.

אהיימקומענדיג און זעענדיג אז משה'לע איז גאנץ און געזונט, האבן מיר געדאנקט הקב"ה דערפאר.

"איך שפיר, טאטי", האט משה'לע געזאגט, "אז דער נס האט פאסירט אין זכות פון מיין קבלה טובה צו זאגן עלינו לשבח מיט כוונה ובמתינות".

פון דאן און ווייטער האלט ער אן די קבלה מיט א שטארקקייט און מיט אן ערליכקייט.

# א צענטער צום מנין!

אויף די וואקאציע וואכן האב איך מיט מיין משפחה געדינגען א דירה אין די שטאט אשדוד.

איין טאג האבן מיר באשטימט אז מארגן וועלן מיר אלע צוזאמען גיין אויף א באזוך אין די שטאטישע פארק אין אשדוד.

אז עס רעדט זיך פון א שטוב מיט קינדער, גרייט מען זיך צו אזא שפאציר מיט עסן, טרינקען, שפילעריי וכל מילי דמיטיב וואס קען צוניץ קומען ביי די שפאציר.

בשעה טובה, נאך אלע הכנות, האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. פון אונזער אכסניא האבן מיר גענומען די שטאטישע באס צו די פארק.

מיר זענען נישט די איינציגסטע אידן אין אשדוד וואס גייען ארויס מיט די קינדער. די באס איז געווען איבערגעפולט מיט אידן און מיר האבן זיך קוים געקענט ארויפזען אויף איר.

מיט די לעצטע כוחות האבן מיר זיך ארויפגעשטופט אויף איר, און יעצט זענען מיר ארויס אויפ'ן וועג.

נאכ'ן אפפארן א שטיק וועג איז דער באס געבליבן שטיין ביי די סטאנציע און מיר זענען אראפ פון די באס.

א רגע נאכ'ן אראפגיין האב איך זיך געכאפט אז אומוועלנדיג האב איך איבערגעלאזט אויפ'ן באס אלע זעק און פעק. איך האב אנגעהויבן נאכצויאגן די באס אבער ער איז געפארן שנעלער ווי מיר.

די קינדער זענען געגאנגען אין פארק, אבער איך האב אנגעהויבן דאגה'נען וועגן די געפעק. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה בין איך צוגעפארן צו די שטאטישע באס סטאנציע וואו דער באס האט געדארפט אנקומען אין די קומענדיגע שעה'ן.

איך האב זיך אינטערעסירט ווען דער באס דארף קומען. איך בין געוואויר געווארן אז איך האב נאך אויסצווארטן אביסל. איך האב זיך געשטעלט אין א זייט ווען א איד קומט צו מיר און פרעגט מיר צי ביני לביני וויל איך מצרף זיין א מנין מנחה.

"יא, זיכער אזוי".

זיי זענען געווען ניין אידן און איך בין געווען דער צענטער.

נאך מנחה זענען די געפעק שוין געווען דארט.

נאר יעצט האב איך זיך געכאפט אז מען האט מיר בעצם אהערגעשיקט פון הימל אז איך זאל משלים זיין זייער מנין.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

**פארבינדט זיך מיט אונז**
**אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742**

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

| **העברה לבנק לאומי** | **משלוח בדואר** | **בעמדות נדרים פלוס** |
| --- | --- | --- |
| בנק 10 \|סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב
השגחה פרטית בספרים הקדושים

## די 'תשובה' איז די בעסטע רפואה פאר'ן מענטש

אין ספק כי בזמנים האלו ראוי לחפש היטב על רפואת הנפש, ולהקדימה על רפואת הגוף. הוא שאמר דוד המלך ע"ה (תהלים מא): "אני אמרתי ה' חנני, רפאה נפשי כי חטאתי לך", פירוש: אני בחוליי הייתי מתפלל על רפואת נפשי, ועליה היא השתדלותי, לא על רפואת הגוף. [...] כי אין ספק שהנפש היא גדולת הסכנה מהגוף, שהגוף אובד והנפש נשארת. וכן, אין ספק אצלי שחולי הנפש סיבה לחולי הגוף, וכי הנפש הבריאה תדחה הסיבות הממיתות כולם. ואם ישתבש אדם לומר שאין זה, רק לרבי חנינא או שקול כמותו, אבל שאר האנשים אין להם מבוא בזה כלל - זה שיבוש וטעות גמור, שבריאות הנפש ורעיעותה הולכים על דרך בריאות הגוף ורעיעותו, וכמו שתראה, אנשים רעועי הגוף חלושי האיברים - כל סיבה מזקת להם, גם אם תהיה חלושה מאוד - יזיקם, כי אין בריאותם דוחה שום סיבה מזקת לחולשתם; כן האנשים רעועי הנפש, לא תדחה נפשם סיבה מזקת כלל, וכמו שהאנשים הבריאים ידחה בריאותם קצת הסיבות המזיקות, כפי יתרון בריאותם, כן הנפשות הבריאות ידחו הסיבות המזיקות, כפי יתרון בריאותם. וכמו היחיד אשר הוא בתכלית הבריאות ושתה התריאק"ה [סוג של רפואה], והמרקחות המצילים ידחו סמי המוות כולם ולא יזיקוהו, **כן הנפש הבריאה בתכלית הבריאות הנכפפת למצוות ועושה אותם צורי ותריאק"ה התשובה**, תדחה הסיבות המזיקות כולם. וזהו מעלת רבי חנינא בן דוסא ודומיהם.

(דרשות הר"ן פרק ו')

## דער נחש איז נישט ממית - דער חטא איז ממית

**תנו רבנן: מעשה במקום אחד שהיה ערוד** - א סארט שלאנג **והיה מזיק** - און ער האט מזיק געווען און געביסן מענטשן **את הבריות. באו והודיעו לו לרבי חנינא בן דוסא. אמר להם: הראו לי את חורו** פון דעם ערד וואו ער גייט ארויס פון דארט. **הראוהו את חורו. נתן** האט רבי חנינא געלייגט **עקבו** - זיין פוס **על פי החור. יצא** איז דער ערוד ארויסגעגאנגען **ונשכו** און האט געביסן פאר רבי חנינא בן דוסא, **ומת אותו ערוד** ווייל די טבע פון דער ערוד איז אז אויב ער בייסט א מענטש, אויב דער ערוד פעדערט זיך און ער קומט ערשט אן צו די וואסער - וועט דער מענטש שטארבן, אבער אויב דער מענטש פעדערט זיך וועט דער ערוד שטארבן. נאכ'ן בייסן רבי חנינא בן דוסא איז דער ערוד געלאפן צו די וואסער און עס איז געשען א נס אז עס איז ארויסגעוואקסן א וואסער קוואל אונטער די פוס פון רבי חנינא און ער האט געהאט וואסער און ער איז ניצול געווארן. דערציילט די גמרא. **נטלו** האט רבי חנינא בן דוסא גענומען די ערוד **על כתפו והביאו לבית המדרש, אמר להם: ראו בני! אין ערוד ממית, אלא החטא ממית. באותה שעה אמרו: אוי לו לאדם שפגע בו ערוד, ואוי לו לערוד שפגע בו רבי חנינא בן דוסא.**

(ברכות לג ע"א)

## דער חטא געבט כח פאר'ן מזיק צו קענען מזיק זיין

מה חידשו חז"ל באומרם "אוי לו לאדם"? וכן, אינו מובן אומרם "ואוי לו לערוד", וכי להספיד את הערוד באו? מאמר זה מובן על פי מה שאמר הרמב"ם ז"ל במורה, שחיות הטורפות לא טבע עצמי הוא להן, וכוח הנזק שלהן הוא מהאדם, המורכב מכל כוחות הנבראים וממידותיהם. **וכאשר משחית האדם את מידותיו, נותן הוא כוח הנזק בהטורפים.** לכן לעתיד "וגר זאב עם כבש" כפי הבטחת הנביא, כי על ידי תיקונו של האדם יתוקנו גם חיות הטורפות. ולכך, כשאמר להם רבי חנינא בן דוסא "ראו שאין ערוד ממית אלא החטא", יפה אמרו בני אדם "אוי לו לאדם שפגע בו ערוד", כלומר: כל עוד שיש ערוד ממית, יש להתאונן על "האדם" שלא תיקן עוד מידותיו; "ואוי לו לערוד" שנעשה משחית על ידי האדם, כי רק על ידו נשתנה טבעו להשחית. והראיה, "שפגע בו רבי חנינא בן דוסא" לערוד ולא עשה לו כלום ולא הזיקו, כי באמת אינו מזיק מטבעו, כאמור "אוי לו לערוד", שנעשה מזיק רק על ידי "האדם", לכן ראוי הוא להתאונן עליו.

(ליקוטי בתר ליקוטי בשם אמרי השכל)

## אלעס איז בהשגחת ה'

יש לדייק: למה דווקא "באותה שעה אמרו"? אך, באותו הדור היו איזה אנשים שסברו כי הכול במקרה בלי השגחה מאת ה' ח"ו, וזה שערוד ממית הוא מדרך הטבע שנטבע בו. אך עתה, כאשר ראו כי רבי חנינא בן דוסא הושיב רגלו על החור ומת הערוד, הוא שלא בטבע, אז ידעו והבינו כי אין הערוד ממית מחמת טבעו, רק הכול בהשגחת ה'. וזה הכוונה "באותה שעה".

(פאר ישראל (בהוש) פרשת בהר)

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## די בעסטע וועג פאר א גרינגע לעבן - אריינברענגען הקב"ה אין אונזער לעבן!

דער לעבן פון א איד אויף די וועלט איז איין לאנגער קייט פון שוועריגקייטן און פארמעסטונגען.
אסאך מאל זעט מען די ענדע פון די שוועריגקייטן אבער אסאך מאל דוכט זיך פאר'ן מענטש אז עס איז נישט דא קיין וועג ארויס פון די שוועריגקייטן.
דער איד וויל וויסן צי איז דא א וועג ארויס פון איר? די תשובה איז אז יא, עס איז דא אזא זאך.
נישט נאר איז דא א וועג ארויס פון איר - נאר די וועג איז א גרינגע און יעדער קען צוקומען צו איר - מען דארף נאר וועלן און אויסשטרעקן די האנט צו איר.
וואס איז דער סוד? ווי אזוי גייט מען ארויס פון איר? ווי אזוי זעט מען זיך ארויס פון דער פלאנטער? די תשובה איז אז מען נעמט זיך ארויס פון איר.
אנשטאט אז מיר זאלן זיין אין צענטער פון די שוועריגקייט - לייגט מען אריין דעם רבוש"ע אין די שוועריגקייטן.
אזוי לאנג ווי מיר ווילן לעזן אונזערע שוועריגקייטן, ווערן מיר נאר פארצווייגטער און פארפלאנטערטער אין איר.
אז מ'נעמט זיך ארויס פון איר און מען הייבט אן זען השי"ת אין איר, הייבט מען אן בליען.
דער אלשיך הק' טייטשט **כי ירבה ממך הדרך כי לא תוכל שאתו** - אז ווען א איד שפירט אז דער וועג איז צי לאנג - עס איז א בחינה פון 'לא תוכל שאתו', אז ער קען מער נישט טראגן און דערהייבן די שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבער, זאל ער וויסן אז די סיבה איז - **כי ירחק ממך המקום** - אז דער רבוש"ע וואס ווערט אנגערופן **מקום** איז ווייט פון דיר.
ברענג אים אריין, דערנענטער זיך צו אים, וועט דיר גרינגער ווערן אויפ'ן הארץ.
דער דובנער מגיד זאגט דערויף א מורא'דיגער צושטעל.
עס איז געווען אמאל אן עושר וואס האט געדינגען איינער אז ער זאל שלעפן זיינע פעקלעך. זעענדיג אז דער שלעפער מוטשעט זיך און שוויצט האט ער געוואוסט אז ער שלעפט נישט זיין פעקל.
זיין פעקל איז נישט שווער! עס ליגט אין דעם טייערע דימאנטן.
מיר האבן א שליחות אויף די וועלט. אז עס איז שווער איז א סימן אז מיר טראגן נישט די ריכטיגע פעקל, ווייל די ריכטיגע פעקל האט אין זיך הקב"ה, און ווען הקב"ה איז אין איר איז דער פעקל גרינג און אלעס גייט אריבער מיט א גרינגקייט.
לאמיר אריינברענגען דעם רבוש"ע איבעראל און אים טרעפן אין איר, און מיר וועלן זוכה זיין צו א גרינגערע לעבן.




# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַ'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633